בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת תזריע, ראש חודש ניסן, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# שבת קודש פרשת תזריע, שבת החודש, ראש חודש ניסן, שנת תשפ״ב לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר״ן סימן רלה.

דער ראש ישיבה שליט״א האט אנגעהויבן: מיר שטייען יעצט פאר דעם הייליגן יום טוב פסח, ווען מיר לערנען א שיחה פון רבי׳ן ווי אזוי מען זאל מאכן פסח׳דיג.

דאס איז בכלל זייער א וויכטיגע שיחה עס לערנט אויס ווי אזוי מען זאל צוגיין צו א מצוה און צו א יום טוב; מיר האבן דאס שוין געלערנט כמה פעמים, אבער מען דארף דאס אסאך חזר׳ן כדי מען זאל וויסן וואס דער רבי האט געוואלט.

שרייבט דער הייליגער רבי נתן: **״כְּבָר מְבֹאָר בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא** (סִימָן מד) **שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הִזְהִיר מְאֹד לְבִלְתִּי לְהַחְמִיר חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת בְּשׁוּם דָּבָר״**, עס שטייט שוין אין ליקוטי מוהר״ן (חלק ב, סימן מד), אז דער הייליגער רבי האט זייער אנגעזאגט מיר זאלן נישט האבן קיין חומרות אין קיין שום זאך[א], **״כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו**

.................................

[א] דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מען דארף זיך זייער היטן פון חכמות, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", די אלע חכמות וואס מען האט ווען מען הויבט אן דינען דעם אייבערשטן - דאס זענען בכלל נישט קיין חכמות, דאס זענען בלויז דמיונות, שטותים און קאפ דרייעניש, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דאס מאכט אז דער מענטש זאל אפלאזן זיין עבודת השם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דאס וואס מען טראכט צי מען איז יוצא די מצוה וואס מען טוט - צי נישט; מען איז מדקדק און מען האלט אין איין אריינטראכטן: 'אפשר בין איך נישט יוצא, אפשר בין איך יא יוצא', דאס אלעס ברענגט דערצו אז דער מענטש זאל אלעס אפלאזן רחמנא לצלן. "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", ווייל א מענטש קען נישט יוצא זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בשלימות, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ'", דער אייבערשטער

(עֲבוֹדָה זָרָה ג.) וְלֹא נִתְּנָה הַתּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת (בְּרָכוֹת כה:) וְכוּ׳״, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן אז דער אייבערשטער זוכט נישט צו כאפן א מענטש, ׳קוק איך האב דיר געגעבן א מצוה און דו קענסט עס נישט מקיים זיין׳, נאך זאגן חז״ל, דער אייבערשטער האט נישט געגעבן די תורה פאר מלאכים, מלאכים קענען מאכן חומרות און חומרות, אבער דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אונז מענטשן לויט די וועג ווי אזוי מיר קענען דאס מקיים זיין.

״וְאָמַר אָז: שֶׁאִיתָא: שֶׁרָאוּי לְכָל אָדָם שֶׁיִּבְחַר לְעַצְמוֹ מִצְוָה אַחַת, שֶׁבְּאוֹתָהּ הַמִּצְוָה יְדַקְדֵּק הַרְבֵּה וִיקַיֵּם אוֹתָהּ הַמִּצְוָה עִם כָּל הַחֻמְרוֹת וְהַדִּקְדּוּקִים״, און דער רבי האט געזאגט דאס וואס עס שטייט אין ספרים (עץ חיים, שער מט, פרק ה) אז עס איז גוט מען זאל זיך נעמען איין מצוה, און מען זאל אריינלייגן אלע חומרות און דקדוקים אין די מצוה, ״וּכְעֵין שֶׁמָּצִינוּ בַּגְּמָרָא (שַׁבָּת קיח:): אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי וְכוּ׳״, אזוי ווי מען זעט אין די הייליגע גמרא, מען פרעגט די קינדער פון די הייליגע תנאים און אמוראים ׳אין וואס פאר א זאך איז דיין טאטע געווען זייער געווארנט?׳,

........................

זוכט נישט א וועג ווי אזוי ער קען אונז כאפן און אויפווייזן אז מיר קענען נישט טון די מצוות, ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נישט פאר קיין מלאכים. "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם, כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען שטענדיג מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה אדער נישט - די האבן נישט קיין שום חיות, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפרעסט, זיי לעבן אלץ אין ספיקות, און די חומרות ווארפט זיי אריין אין מרה שחורה. און רבי נתן שרייבט ווייטער: "וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל", דער רבי האט נישט געהאט קיין שום חומרות; ווייל דער גרעסטער חכמה איז צו דינען דעם אייבערשטן בפשיטות, אזוי ווי דער רבי זאגט ווייטער: "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִילּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל, וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ".

"וְאַף עַל פִּי כֵן, גַּם בְּאוֹתָהּ הַמִּצְוָה, אַל יִכְנֹס בְּחֻמְרוֹת שֶׁל שִׁגָּעוֹן וּשְׁטוּת וּמָרָה שְׁחוֹרוֹת, רַק יְדַקְדֵּק בָּהּ בְּלִי שִׁגָּעוֹן בְּכָל הַחֻמְרוֹת", מיינט מען אויך נישט צו זאגן מען זאל ארייַנלייגן אין די מצוה חומרות פון שטות, שגעון און מרה שחורה, נאר מדקדק זיין אן קיין נארישע חומרות, "אֲבָל בִּשְׁאָר כָּל הַמִּצְווֹת אֵין צְרִיכִין לְהַחְמִיר כְּלָל", און אין אנדערע מצוות זאל מען גארנישט מחמיר זיין, "וְהַלְוַאי שֶׁנִּזְכֶּה לְקַיֵּם אֶת כָּל מִצְווֹת הַתּוֹרָה כִּפְשׁוּטָן מַמָּשׁ בְּלִי שׁוּם חֻמְרוֹת", הלוואי זאלן מיר זוכה זיין צו מקיים זיין אלעס וואס דער אייבערשטער זאגט אין די תורה בפשיטות.

זענען דא מענטשן וואס טראכטן 'דאס איז געזאגט געווארן אויף א גאנץ יאר, אבער אום פסח דארף מען יא מחמיר זיין', שרייבט רבי נתן ווייטער:

"וְגַם בְּעִנְיַן הַחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת בְּפֶסַח לֹא הָיָה מַסְכִּים כְּלָל, עַל הַמַּרְבִּים לְדַקְדֵּק יוֹתֵר מִדַּאי, וְנִכְנָסִים בְּמָרָה שְׁחוֹרוֹת גְּדוֹלוֹת", אפילו לגבי חומרות אום פסח האט דער רבי נישט געהאלטן אז מען זאל מקפיד זיין מיט חומרות וואס ברענגט מרה שחורה. "וְהֶאֱרִיךְ בְּשִׂיחָה זוֹ אָז, כִּי אִישׁ אֶחָד מֵאֲנָשֵׁינוּ שָׁאַל לוֹ ז"ל שְׁאֵלָה אַחַת בְּעִנְיַן אֵיזֶה חֻמְרָה בְּפֶסַח אֵיךְ לְהִתְנַהֵג? וְאָז הִתְלוֹצֵץ מִמֶּנּוּ מְאֹד. וְהִרְבָּה לְדַבֵּר מֵעִנְיַן זֶה, שֶׁאֵין צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ אַחַר חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת וְשִׁגָּעוֹן וּבִלְבּוּלִים", דער גאנצער שמועס איבער חומרות איז ארייַן געקומען, ווען איינער פון אנשי שלומינו האט געפרעגט דעם רבי'ן א שאלה איבער א חומרא פון פסח, האט דער רבי חוזק געמאכט דערפון, און געזאגט אז מען דארף נישט מחמיר זיין קיין חומרות.

"וְאָמַר", און דער רבי האט געזאגט, "שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ גַּם כֵּן כְּבָר הָיָה שָׁקוּעַ בְּעִנְיָן זֶה מְאֹד שֶׁהָיוּ עוֹלִים עַל דַּעְתּוֹ חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת מְאֹד מְאֹד", אז ער אליינס האט געליטן פון דעם טעות, אז ווען ער איז געווען יונג און ער האט נאכנישט געוויסט דאס שעדליכקייט פון חומרות איז ער אויך אריינגעפאלן אין דעם. ווען עס איז געקומען דער יום טוב פסח

האט ער נישט געוויסט וואס צו טון, יעדעס מאל איז אים בייגעפאלן נאך און נאך חומרות, "וּפַעַם אֶחָד הָיָה חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת בְּעִנְיַן הַמַּיִם עַל פֶּסַח, שֶׁחָשַׁשׁ שֶׁמָּא יֵשׁ אֵיזֶה מַשֶּׁהוּ בַּמַּיִם שֶׁשּׁוֹאֲבִין", ביז איין מאל האט ער געטראכט צו זיך: 'וואס טוט מען צו האבן ריינע וואסער אויף פסח, ווי אזוי קען איך אכטונג געבן צו האבן ריינע וואסער אויף פסח אן קיין חשש חמץ?' "וְאִם יָכִין לוֹ מַיִם עַל כָּל יְמֵי הַפֶּסַח כְּמוֹ שֶׁנּוֹהֲגִין קְצָת, גַּם זֶה לֹא הוּטַב בְּעֵינָיו, כִּי קָשֶׁה לִשְׁמֹר הֵיטֵב הַמַּיִם מֵעֶרֶב פֶּסַח עַל כָּל יְמֵי הַפֶּסַח", דעמאלט איז געווען די סדר אז מען פלעגט אנשעפן וואסער פאר גאנץ פסח, אבער דער רבי האט געטראכט אז דאס איז נישט אזוי אויסגעהאלטן ווייל עס איז זייער שווער אפצוהיטן די וואסער גאנץ פסח אז עס זאל נישט צוקומען צו דעם קיין משהו חמץ. "וְלֹא הוּטַב בְּעֵינָיו שׁוּם מַיִם, רַק מֵי מַעְיָן הַנּוֹבְעִים וְיוֹצְאִים וְהוֹלְכִים וּבָאִים מַיִם חֲדָשִׁים בְּכָל עֵת", האט דער רבי האט געטראכט אז דאס בעסטע וואסער וואלט געווען קוואל וואסער, ווייל א קוואל האלט דאך אין איין קוועלן פרישע וואסער כסדר אן קיין שום חשש חמץ. "אֲבָל בְּמָקוֹם שֶׁהוּא זַ"ל הָיָה יוֹשֵׁב לֹא הָיָה שׁוּם מַעְיָן כָּזֶה", אבער דארט וואו דער רבי האט געוואוינט איז נישט געווען קיין קוואל וואסער, "וְהָיָה בְּדַעְתּוֹ לִנְסֹעַ עַל פֶּסַח לְמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ שָׁם מֵי מַעְיָן כָּזֶה", האט דער רבי געטראכט ער וועט אוועק פארן אויף פסח צו א פלאץ וואו עס איז דא א קוואל, "כָּל כָּךְ נִכְנַס בְּחֻמְרוֹת וּמָרָה שְׁחוֹרוֹת וְדִקְדּוּקִים יְתֵרִים. אֲבָל עַכְשָׁו הוּא מִתְלוֹצֵץ מִזֶּה, כִּי אֵין צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ אַחַר חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, אֲפִלּוּ בְּפֶסַח", אזוי שטארק זענען געווען זיינע חומרות, אבער היינט - שרייבט רבי נתן - מאכט דער רבי אוועק די אלע חומרות, וואוסענדיג אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר מענטשן און נישט פאר מלאכים, און מען דארף נישט מחמיר זיין אפילו אין פסח.

# חֲמְרוֹת יְתֵרוֹת

מען דארף אבער וויסן אז עס מיינט נישט צו זאגן אז דער רבי האט נישט געהאט קיין שום חומרות אום פסח, ווייל דער רבי האט דאך יא געהאט געוויסע חומרות, ווי צום ביישפיל דער חומרא פון נישט בראקן אום פסח, נאר דער רבי האט געוואלט מען זאל נישט האבן קיין ׳חֲמְרוֹת יְתֵרוֹת׳.

האט איינער אמאל געפרעגט מוהרא״ש וואס איז דער סימן צו וויסן אויב א חומרא איז א גוטע חֻמְרָה אדער גייט עס אריין אין דעם כלל פון ׳חֲמְרוֹת יְתֵרוֹת׳. האט מוהרא״ש געזאגט, ווילאנג דער מענטש איז פרייליך - איז גוט, אבער אז דער חומרא גייט אויף דער נערוון, עס שאפט אן אנגעצויגנקייט און מחלוקת אין שטוב, נעמט דאך דאס אוועק דער גאנצער יום טוב, זאל מען דאס נישט טון.

״וְהֶאֱרִיךְ בְּשִׂיחָה זוֹ הַרְבֵּה אָז״, און דער רבי האט אסאך געשמועסט פון דעם, און געזאגט: ״כִּי עִקַּר הָעֲבוֹדָה בֶּאֱמֶת הוּא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת״, דער עיקר איז מען זאל דינען דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות, ״לְהַרְבּוֹת בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה, וּמַעֲשִׂים טוֹבִים״, אריין לייגן דעם קאפ צו פארמערן ׳תּוֹרָה׳; וואס נאך קען איך לערנען משניות און גמרא. און פארמערן ׳תְּפִלָּה׳; לאמיר מאכן התבודדות, לאמיר אנהייבן רעדן צום אייבערשטן. און פארמערן ׳מַעֲשִׂים טוֹבִים׳; טון חסד, העלפן אנדערע אידן. ״בְּלִי לְחַפֵּשׂ לְחַדֵּשׁ דַּוְקָא חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת״, און נישט זוכן קיין איבריגע חומרות, ״רַק לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֲבוֹתֵינוּ הַקַּדְמוֹנִים, וְלֹא נִתְּנָה הַתּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת״, נאר גיין אין די וועגן פון אונזערע עלטערן, ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן, נישט פאר קיין מלאכים.

״וְאָמַר אָז: שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה עָזְבוּ הָעוֹלָם חָכְמוֹת הַדִּקְדּוּק וְאֵינָם עוֹסְקִים בּוֹ כְּלָל. כִּי דִקְדּוּק אֵין צְרִיכִין כְּלָל, כִּי אֵין צְרִיכִין לְדַקְדֵּק עַל עַצְמוֹ יוֹתֵר

מְדַּאי לְבַקֵּשׁ חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת. וְהֶאֱרִיךְ בָּזֶה עוֹד. וְאָמַר אָז שֶׁאֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב בְּדַוְקָא וְאִם לָאו וְכוּ׳. רַק אִם יוּכַל - יוּכַל וְאִם לָאו - אֹנֶס רַחֲמָנָא פַּטְרֵהּ (וּכְבָר מְבֹאָר זֹאת בְּמָקוֹם אַחֵר)", און דער רבי האט געזאגט, דערפאר האט די וועלט אפגעלאזט 'חָכְמוֹת הַדִּקְדּוּק', ווייל מען דארף נישט מדקדק זיין אין גארנישט, וואס מען קען - זאל מען טון, און וואס מען קען נישט - איז מען אן אונס.

## זיך פרייען מיט די מצוות אליינס

אוודאי דארף מען אויסרוימען די חמץ, אבער דאס קען מען טון אן צוגעלייגטע חומרות, מען דארף גוט אויסרוימען די קאך, עס כשר'ן און מען קען אנהייבן קאכן אויף יום טוב. דער רבי זאגט מען זאל זיך פרייען מיט די מצוות אליינס, 'ברוך השם מיר רוימען אויס דעם חמץ פון שטוב, מען ברענגט אריין א פסח, מען גייט עסן מצה, און טרינקען די ד' כוסות, מען גייט היטן יום טוב'.

## חומרות וואס מאכט רואיג

עס איז דא געוויסע חומרות וואס מוהרא"ש האט יא געזאגט, מיר האבן גערעדט דערפון דאנערשטאג נאכט ביים שיעור פאר אינגעלייט, אבער דאס זענען נישט קיין חומרות וואס ברענגט מרה שחורה, נאר פארקערט, די חומרות מאכט רואיגער דעם מענטש. צום ביישפיל, מוהרא"ש ברענגט דעם חומרא אז מען זאל נישט כשר'ן די חמץ'דיגע כלים אויף פסח, נאר מען זאל קויפן נייע כלים, דאס איז זייער גרינג, עס איז איז א קטנות פון מענטשן צו ניצן די חמץ'דיגע כלים אויף פסח, ווייל דאס מיינט צענעמען און אויסרייבן די טעפ, און כשר'ן, אז מען קויפט איין מאל א פסח'דיגע טאפ - איז עס אסאך גרינגער.

די זעלבע זאך מיט די חמץ'דיגע טישטוכער און קאך האנטוכער, וואס מען פירט זיך צו קויפן נייע אויף פסח, [באד האנטוכער דארף מען

נישט קויפן נייע]; איז אויך ביליגער און גרינגער צו קויפן נייע אויף פסח, ווי איידער ארויסגעבן פאר א קאמפעני עס אויסוואשן און ביגלען. עס איז זייער ביליג, מען קען קויפן טישטוכער פאר צוואנציג דאלער.

## מען לייגט צו איבריגע זאכן

מענטשן פאלן פון די כחות פון פסח׳דיג מאכן, מען זוכט אוועק צו פארן אויף יום טוב; וואס איז אזוי שלעכט צו זיין אינדערהיים? עס איז אזא שיינע יום טוב צו פראוועו אינדערהיים, דאס אלעס קומט צוליב דעם וואס מען לייגט צו איבריגע זאכן וואס האט גארנישט מיט פסח, וויפיל קען איין מענטש טון? אז מען וויל אלעס טון אין דעם איין וואך – פלאצט מען.

איבער קוקן אלע וועש וואס מען דארף יא און וואס מען דארף נישט – דאס האט גארנישט צוטון מיט פסח, דאס קען מען עס טון נאך פסח. וואשן די טשילאר; ווער האט געהייסן וואשן די טשילאר? עס ליגט דארט נישט קיין חמץ! דאס קען מען אויך טון אינמיטן יאר. אזוי אויך דארף מען נישט אראפנעמען די זיצן פון די בענקלעך, עס איז גענוג אז מען וואשט אפ די בענקלעך וויפיל מען קען.

## אן אייגענע תורה

מען דארף זיך נישט איבער שטרענגן, ווייל אז מען שטרענגט זיך איבער פאלט מען נאכדעם אינגאנצן אראפ, ביז מען וויל שוין נישט פסח׳דיג מאכן. צו מאכן פסח׳דיג נישט שווער, נאר אז מען מאכט זיך אן אייגענע תורה, אן אייגענע וועג, ווערט עס שווער, בשעת די אלע צוגעלייגטע זאכן האבן גארנישט מיט פסח.

פארקערט פסח איז א פרייליכע זאך, עס איז די שענסטע יום טוב פאר די קינדער צו זיין אינדערהיים מיט טאטע מאמע, קינדער ווארטן

א גאנץ יאר אויף פסח, דעמאלט לייגט מען אריין אין זיי אמונה, עס איז א צייט פון והגדת לבנך, זיי דערציילן סיפור יציאת מצרים, און אז מען פארט אוועק אויף יום טוב אדער מען גייט מיט צען קינדער צו א זיידע, קען מען אפילו נישט רעדן צו זיי, עס ווערט א ׳חתן כל הנערים׳, אלע קינדער זיצן באזונדער פאר זיך, אדער זענען זיי אינדרויסן און שפילן זיך א גאנצן סדר.

## טאנצן מיט די מצות

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך מחיה זיין מיט די מצוות אליינס. עס איז באקאנט אז דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו פלעגט קושן די מצות, און אזוי אויך ברענגט דער הייליגער של״ה (הובא בבאר היטב, אורח חיים סימן תעז, סעיף קטן א) אז ערליכע אידן פלעגן קושן די מצות. צדיקים האבן זיך געפריידט און געטאנצן מיט די מצות און מיט די מים שלנו, אלע מצוות זענען צוגעגאנגען מיט א שמחת החיים, מען האט זיך געפריידט און געטאנצן אז מען גייט טון מצוות פאר׳ן אייבערשטן.

## וועלכע מצוה זאל מען אויסקלויבן?

און דאס וואס דער רבי זאגט אז מען זאל נעמען איין מצוה, און מען זאל ארייןלייגן אלע חומרות און דקדוקים אין די מצוה, פרעגן אלע ׳וועלכע מצוה זאל מען אויסקלויבן?׳ פלעגט מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגן, מען זאל נעמען די מצוה פון שמחה, דער רבי האט אונז געזאגט (לקוטי מוהר״ן חלק ב׳, סימן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פריילין; דארף מען זען דאס מקיים זיין מיט אלע חומרות, דאס הייסט אפילו מען האט נישט וויאזוי צו זיין פריילין און פארוואס צו זיין פריילין, אדער עס קומט נישט יעצט צו זיין פריילין - דארף מען מחמיר זיין אין דעם, טון אלעס אין די וועלט

אבי צו זיין פריליך, און פארשטייט זיך אזוי ווי דער רבי האט צוגעלייגט אז 'גַּם בְּאוֹתָהּ הַמִּצְוָה, אַל יִכְנֹס בְּחֻמְרוֹת שֶׁל שִׁגָּעוֹן וּשְׁטוּת וּמָרָה שְׁחוֹרוֹת, רַק יְדַקְדֵּק בָּהּ בְּלִי שִׁגָּעוֹן בְּכָל הַחֻמְרוֹת', אפילו אין דעם מצוה מיינט מען אויך נישט צו זאגן מען זאל ארייןלייגן אין די מצוה חומרות פון שטות, שגעון און מרה שחורה, נאר מדקדק זיין מיט א שטארקייט אפילו עס איז שווער.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען דעם ניגון לכבוד ראש חודש: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".